**דברות קודש מכ:ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א קרח כט סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

## א ווארימע ברכה לכבוד ראש חודש תמוז

א גוט מארגן, זונטאג פרשת קרח, כ"ט סיון, ערב ראש חודש תמוז, תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן חודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע, לוסטיגע און לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז דאך ערב ראש חודש תמוז, ז'מני ת'שובה מ'משמשים ו'באים. הייליגע טעג הייבן זיך אן, די ימים הקדושים און די ימים הנוראים הויבן זיך שוין אן. מען דארף זיך מאכן א חשבון הנפש. די ערשטע זאך דארף מען דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, ברוך הוא וברוך שמו, אז מען דערלעבט נאך א יאר און עס הויבן זיך אן די ימים הנוראים. מען דארף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז ער האט אונז געגעבן דריי חדשים וואס מיר קענען מאכן תיקונים, מיר קענען תשובה טון, און מיר קענען זיך צוריקקערן אויף די ריכטיגע וועגן, כדי מיר זאלן זוכה זיין בתשובה שלימה צו שטיין פארן יום הדין מיט אלע זכותים, מיט אלע תשובות און מיט אלע תיקונים, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

## די חשיבות פון כיבוד אב ואם און בין אדם לחבירו

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז ערב ראש חודש תמוז, און עס הייבן זיך אן די הייליגע טעג, די ימים נוראים. בעצם האט עס זיך שוין אנגעהויבן שבועות, אבער יעצט איז עס שוין ממש אינעם נאמען פונעם חודש, זמני תשובה ממשמשים ובאים. לאמיר מאכן א חשבון הנפש: **וואו שטייען מיר מיט אונזער בין אדם לחבירו?** זענען מיר יעדעם איינעם מוחל בלב שלם? האבן מיר שווערע הערצער אויף אידישע קינדער? זענען מיר מקיים דעם "לא תקום ולא תטור", "לא תשנא את אחיך בלבבך", און "ואהבת לרעך כמוך"?

**וואו שטייען מיר מיט אונזער מצוות כיבוד אב ואם?** הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר האבן שיעורים פון צען מינוט איבער כיבוד אב ואם, עס זענען שוין דא ניינצן שיעורים. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט אויס די שיעורים וויאזוי צוצוגיין צו עלטערן, וואס יא צו טון און וואס נישט צו טון; מען מוז קודם הערן די שיעורים. מיר האבן נאך שיעורים אויף כיבוד אב ואם, עס זענען דא שיעורים אויף בארדערליין, אבער די שיעורים אויף כיבוד אב ואם זענען ממש א חיוב פאר יעדן איינעם צו הערן. דאס ברענגט פאר אונז אריכות ימים, דאס ברענגט פאר אונז אלע ישועות, אלע ברכות, און אלע הצלחות – דאס ברענגט אלעס וואס א איד דארף. און חלילה וחלילה, אויב מען איז נכשל אין כיבוד אב ואם, ברענגט עס אלע פראבלעמען, רחמנא ליצלן.

**ווען עס גייט אריבער שווערע צייטן אויף אידישע קינדער, סיי ביי כלל ישראל און סיי ביי יחידים, דארף מען נישט צופיל זוכן קיין סברות; מען דארף פשוט דורכלערנען די הלכות פון כיבוד אב ואם אינעווייניג אין שולחן ערוך, אין די קיצור ספרים, און אין די מוסר און חסידישע ספרים וואס רעדן איבער כיבוד אב ואם. דארט וועט איר זען אז אלע אונזערע שוועריקייטן ליגן אין דעם ענין פון כיבוד אב ואם.**

לאמיר זיך מחזק זיין לכבוד די הייליגע טעג. בין אדם למקום קען מען דאווענען, מען קען תשובה טון, מען קען זיך מטהר זיין און מען קען זיך מקדש זיין, אבער ביי מצוות שבין אדם לחבירו איז עס גארנישט אזוי גרינג, און כיבוד אב ואם איז א גרויסער שטער. לאמיר אריינלייגן גרויסע כוחות צו הערן די שיעורים איבער בין אדם לחבירו, מוחל זיין און סובל זיין. מיר האבן הערליכע שיעורים אויף בין אדם לחבירו, און אויך אויף כיבוד אב ואם דארף מען גוט הערן די שיעורים. דאס וועט אונז ברענגען א כתיבה וחתימה טובה און א גמר חתימה טובה; דאס וועט אונז ברענגען א לעכטיגקייט, אז מיר זאלן זוכה זיין שוין אין די דריי חדשים צו די השפעות פון די הייליגע טעג, ס'זאלן זיין גוטע דריי חדשים וואס מ'הערט נאר גוטע בשורות. אין זכות פון

**דברות קודש מכ:ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א קרח כט סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

כיבוד אב ואם, זייט מזכה אנדערע אידן אויך און לאזט זיי וויסן: הערט די צען-מינוטיגע שיעורים אויף כיבוד אב ואם, כמעט יעדן טאג קומט ארויס א פרישער שיעור. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן אז מ׳זאל פועל׳ן אלעס גוטס. ס׳איז א יום תפילה, דער אייבערשטער זאל אונז פירן אויף די ריכטיגע וועגן. אלע תפילות און אלע ברכות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון. די זכות פון אלע צדיקים זאל מגין זיין, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז "וימלא ה׳ כל משאלות לבנו לטובה ולברכה לששון ולשמחה לישועה ולנחמה".

**די תורה פון פרשת קרח: צווישן ׳קרח׳ און ׳חקר׳**

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט אין "מגיד דבריו ליעקב" ביאלא, ברענגט ער אזוי: דער הייליגער רבי מענדעלע פון ווארקא האט געזאגט, עס שטייט אין די תורה "קרח", פארוואס שטייט נישט "חקר"? "קרח" האט דאך די זעלבע אותיות ווי "חקר". נאר וואס דען? עס שטייט דאך "קרח". דאס זענען די ווערטער פון דעם הייליגן רבי מענדעלע ווארקער, וואס זענען לכאורה אומפארשטענדליכע ווערטער.

זאגט אויף דעם דער ביאלא רבי, דער "מגיד דבריו ליעקב", אז פארשטייט זיך אז אין דעם זענען באהאלטן סודות גדולים, אבער דער פשוט׳ער פשט על דרך המוסר איז, אז א מענטש דארף מאכן א חשבון הנפש און טראכטן ביי זיך: "אוי, וואס איז געווארן פון דעם גאנצן מענטש? דער גאנצער אדם גדול בישראל איז געווארן א קרח (ליידיג)?" און מען קען דערפון צובראכן ווערן און מייאש ווערן.

אבער אויב ער פאלט אוועק, זאל ער תיכף טראכטן אז "קרח" האט אויך די אותיות "חקר", ווי עס שטייט: "החקר אלוה תמצא אם עד תכלית שדי תמצא". איז דען מעגליך אז א מענטש זאל צוקומען צו די סוף דעת פון באשעפער? איז דען שייך אז א מענטש זאל פארשטיין די וועגן פון רצון השם? א מענטש דארף גלייבן בתמימות אז דאס איז דער רצון השם. האסטו דען א ספק אז דו ביסט באשאפן געווארן פאר א צוועק? אוודאי דארף דיך דער הייליגער באשעפער האבן אויף דער וועלט, און אוודאי האסטו א תפקיד און א תכלית פאר וואס דו ביסט באשאפן געווארן, אפילו אויב עס איז געשען אזא שרעקעדיגער קראך אז פון דעם אדם גדול איז געווארן א "קרח".

איי, אזוי? וואס איז געווארן פון קרח? חקר. "החקר אלוה תמצא". אז דו גייסט נאכקוקן דעם הייליגן באשעפער אים צו טרעפן – צו טרעפן אז נאך אלעם האט דיך דער אייבערשטער ליב, און דו האסט א תפקיד און א תכלית, אפילו עס איז נישט געווארן פון דיר דאס וואס דו האסט געחלומ׳ט אז עס גייט זיין און ווערן.

איי, קען מענטש טראכטן, "פיין, איז דאך עס א סימן אז דאס איז דער רצון השם, עס זאל זיין א קרח (ליידיג)." אויף דעם זאגט ר׳ מענדעלע ווארקער ווייטער, "נו, עס איז דאך אבער געווארן א קרח." ווי איינער וואס זאגט, קרח האט נישט געמאכט קיין תיקון, איז ער אריינגעפאלן אין דער ערד אריין. אז מען מאכט תיקונים, דארף מען נישט גיין אין דער ערד. קומט אויס אז מיר האבן צוויי עבודות: מיר האבן אן עבודה צו וויסן אז יא, עס קען זיין אז אזא זאך פון א גרויסן "קרח" זאל ווערן א נעבעך א "קרח". אבער פון דער אנדערער זייט דארף עס אויך זיין "חקר", מען דארף אריינטראכטן אפילו דא: וואס איז מיין תפקיד? וואס איז מיין תכלית? און זיך נישט לאזן ביי "קרח", ווייל דעמאלטס בלייבט עס א קרח.

**יעדער איד האט א תפקיד און א תכלית**

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? מען דארף זיך מחזק זיין און זיך שטארקן מיט אלע כוחות אין איין זאך: אז יעדער מענטש האט א תפקיד און א תכלית אויף דער וועלט, אפילו ווען מען זעט אז מען איז דורכגעפאלן. וואס מיינט דאס "דורכגעפאלן"? עס מאכט זיך אמאל א מענטש וואס איז א גרויסער עושר, ער דרייט זיך מיט מיליאנען, אידן קומען צו אים נאך געלט, ער טיילט גרויסע צדקות, ער האט הייזער, פעלדער און וועלדער; און פלוצלינג טרעפט ער זיך אז עס איז גארנישט

**דברות קודש מכ:ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א קרח כט סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

דא, עס איז גארנישט איבערגעבליבן. רחמנא ליצלן, ער איז געווארן א פשוט׳ער מענטש, אן עני ואביון וואס האט קוים אויף צום לעבן, און ער קען חלילה אריינפאלן אין א יאוש. ער דארף אבער וויסן: ״החקר אלו-ה תמצא״ – **טראכט וואס דיין תפקיד איז געווען ביז יעצט, און וואס דיין תפקיד איז יעצט. יעצט האסטו אן אנדערע תפקיד, און דו דארפסט טון דיין יעצטיגע תפקיד. דער אייבערשטער וויל דיך אויף דער וועלט און ער דארף דיך דא האבן, די ראיה דערצו איז אז דו האסט היינט אינדערפרי אויפגעעפנט דיינע אויגן. טראכט נאר אריין וואס דיין תפקיד איז, און וויאזוי דו דארפסט יעצט דינען דעם אייבערשטן לויט דיין מצב. אבער אויב דו וועסט נאכלאזן און ווערן מיואש, דארפסטו געדענקען אז עס איז געווען קרח, און פון קרח איז געווארן א ״קרח״, ווייל ער האט נישט געזוכט דעם ״החקר״.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, חזק ואמץ! מיר זענען דא אויף דער וועלט זיך צו שטארקן. כדי אוועקצופאלן, ווערן מיואש, אדער צובראכן צו ווערן, דארף מען נישט זיין קיין חכם אדער א בר דעת; מען דארף גארנישט זיין, דאס קומט שוין ממילא פון זיך אליין. מיר דארפן אבער ניצן אונזער חכמה, בינה און דעת וויאזוי נישט צובראכן צו ווערן און וויאזוי נישט אוועקצופאלן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, געדענקט: דער אייבערשטער איז מיט אונז!

## טרעפן דאס ליכטיגקייט אין יעדן איד

מיר האבן געזאגט ביי די שלש סעודות תורה: ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״. ה׳ - דאס איז מידת הרחמים; אלקינו - דאס איז מידת הדין; ה׳ אחד - עס איז נאר דא איין באשעפער, וואס דאס איז מידת הרחמים. עס זענען נישט דא צוויי כוחות, אז איינס איז רחמים און איינס איז רע, נאר אלעס איז רחמים. ״אחד״ מיינט אז עס איז נאר דא איין עבודת הקודש פון השי״ת, פון די מידת הרחמים, נאר מיר דארפן עס טרעפן, מיר דארפן דערויף הארעווען, און מיר דארפן דערין גלייבן.

עס איז געווען א איד, ר׳ אלכסנדר לינצער, וועלכער האט געלערנט אין ראדין ביים חפץ חיים. ער האט דערציילט אז שבת פלעגט דער גויה מאכן די קנעפלעך (סוויטשעס) אזוי אז די לעקטער אין ישיבה זאל זיך אנצינדן. איך ווייס נישט פונקטליך וועלכע סארט לעקטער זיי האבן דארט געהאט, אבער זיי האבן אנגעשטעלט די קנעפלעך. איינמאל איז דער חפץ חיים אריינגעקומען אין די ישיבה אין ראדין און ער זעט אז עס איז חושך ואפילה. ער האט געפרעגט די בחורים וואס עס האט פאסירט, האט אים א בחור געענטפערט אז דער גויה האט פארגעסן אנצושטעלן די קנעפלעך.

**האט דער חפץ חיים מיט זיין קדושה וטהרה געזאגט: אזוי איז עס אויך ביי אונז. א איד דארף וויסן אז א איד האט א אור גדול. אויבן אין הימל שיינט א ליכטיגקייט, ״אלקי נשמה שנתת בי״. א איד לייכט, און עס איז דא א אור אויף יעדן איד. מיר דארפן נאר געדענקען צו לייגן די קנעפלעך אין דעם ריכטיגן פלאץ, מיר דארפן דריקן די ריכטיגע קנעפלעך. א איד האט א אור, ער דארף נאר ארויסצוברענגען דאס ליכטיגקייט. א איד לייכט און שיינט, א איד איז הייליג און לויטער; א איד האט די כוחות בייצושטיין יעדן נסיון, א איד האט די כוחות צו זיין שטענדיג בשמחה אפילו אין די שווערסטע מצבים, צו היטן די אויגן, דאס מויל, און די אויערן, און זיך צו האלטן שטארק. א איד פארמאגט די כוחות, עס איז דא די לעכטיגקייט. איי, ס׳איז דאך פינסטער? וואס איז די תשובה? מ׳האט פשוט פארגעסן צו דרייען די קנעפלעך. מ׳דארף דאווענען, מ׳דארף לערנען, מ׳דארף גלייבן, און מ׳דארף הארעווען און טון ארויסצוברענגען דאס אור, אבער דאס אור איז דא! איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.**

עס איז דא א מורא׳דיג ווארט פונעם בריסקער רב: דער מלאך האט געזאגט פאר יעקב אבינו ״כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״ – דו האסט בייגעקומען אלקים ואנשים. זאגט רש״י: ״אלקים״ מיינט דער מלאך, ער האט בייגעקומען דעם מלאך. אבער ווער זענען די ״אנשים״ מיט וועמען יעקב אבינו האט זיך דורכגעקומען? דאס זענען לבן און עשו.

שטעלט זיך די שאלה, זאגט דער בריסקער רב: מיט׳ן מלאך איז ער שוין געווען פערטיג, מיט לבן איז ער אויך שוין געווען פערטיג – ער וואוינט דאָך שוין נישט ביי אים; אבער מיט עשו, עשו קומט דאָך ערשט יעצט אן. וויאזוי האט דער מלאך שוין געקענט

זאגן אז ער האט זיך דורכגעקומען מיט ״אלקים ואנשים״, ווען איינער פון די ״אנשים״ איז עשו, און מען האלט נאך פאר'ן זיך טרעפן מיט אים? עשו קומט דאך יעצט ערשט צו גיין.

האט דער הייליגער בריסקער רב געענטפערט און געזאגט אזוי: איר ווייסט וואס מ'זעט דא? מ'זעט דא א געוואלדיגע זאך. עס זענען דא צוויי פלעצער וואו א מענטש האט א נצחון: איין פלאץ איז אין רוחניות, און איין פלאץ איז אין גשמיות; איין פלאץ איז בעולם הבא, און איין פלאץ איז בעולם הזה. ווען א מענטש דינט דעם אייבערשטן און ער נעמט זיך פאר צו דינען דעם באשעפער און מקבל זיין עול מלכות שמים – פונקט ווי יעקב אבינו וואס האט זיך נישט געלאזט פון לבן און זיך נישט געלאזט פונעם מלאך – האט אים דער מלאך געזאגט: כאטש דא אויף דער ערד זעט מען עס נאכנישט, שיינט אבער אין הימל שוין אן אור אז דו ביסט שוין דורכגעקומען אויך מיט עשו. וויבאלד רוחניות'דיג האסטו זיך שוין מתגבר געווען אויף עשו, ווערט עס שוין גשמיות'דיג אויך פאררעכנט אלס ״כי שרית עם אלקים ועם אנשים״. מען קען עס שוין רעכענען, כאטש בפועל ממש גייט עס ערשט באלד פארקומען.

הייליגע, ליכטיגע אידישע קינדער, ווען א איד וויל זיין הייליג, ער וויל זיין לויטער, ער וויל זיין ערליך און תורה'דיג, ער וויל זיין א ״פנים מאירות אשבש״ איד – אפילו עס זענען אים נאכנישט קעגנגעקומען אלע נסיונות און ער האט זיי נאכנישט בייגעקומען, אבער די קבלה טובה, דער רצון און די השתוקקות פון ״איך וויל זיין דער איד״, ווערט אויבן אין הימל פאררעכנט אז עס איז שוין ערלעדיגט און מסודר; דער איד האט שוין מנצח געווען דעם יצר הרע. דער רבונו של עולם גיט אים שוין די כוחות, ווייל ער האט שוין געטון זיין חלק. זיין חלק, זיין פעולה. אוודאי האט ער נאך ארבעט און ער האט נאך וואס צו טון, ער דארף נאך אסאך ביישטיין, אבער אויבן אין הימל ווערט אנגענומען אונזער עבודה, און דער אייבערשטער קומט און העלפט דעם מענטש; ער מאכט זיכער אז דער מענטש זאל קענען בייקומען און ביישטיין אלע נסיונות.

אונזער עבודת הקודש איז צו מאכן זיכער אז מיר מיינען עס מיט'ן גאנצן הארץ, מיט אן אמת'דיג הארץ, ״לעבדך באמת״ – צו האבן דעם אייבערשטן און ליב האבן דעם אייבערשטן, און נאר טון א נחת רוח פאר'ן הייליגן באשעפער.

**די מעשה פון ר' דוד דייטש: יעדער גאסט איז א 'בעל שם'**

דער הייליגער רבי דוד דייטש פלעגט האבן א מנהג טוב; ער פלעגט אהיימברענגען צוויי אורחים אויף יעדן שבת און יום טוב, נאר צוויי אורחים. איינמאל מוצאי יום הקדוש האט ער געברענגט צוויי אורחים, אבער ער האט געזען אז א דריטער אורח איז געבליבן אין בית המדרש וואס קיינער האט אים נישט גערופן אויסצופאסטן, האט ער גערופן דעם דריטן אורח ער זאל אויך קומען צו אים. ער האט אבער מורא געהאט אז די רעבעצין וועט האבן גרויס צער, ווייל ס'איז אפגעמאכט געווארן נאר צוויי און ער ברענגט א דריטן. האט ער טאקע געברענגט אלע דריי אורחים, אבער פאר'ן אריינגיין אין שטוב האט ער געזאגט פאר'ן דריטן אורח: ״דו ווארט אינדרויסן א מינוט, איך גיי אריין מיט די צוויי אורחים.״ ער איז אריינגעגאנגען מיט די צוויי אורחים געווינטשען א גוטע וואך, א גוט יאר, אלעס גוטס אויסגעבעטן, א גוט יום טוב, ס'איז דאך מוצאי יום כיפור.

און ר' דוד דייטש זאגט פאר דער רעביצין: ״איך האב מיטגעברענגט צוויי אורחים, ווייל איך האב געוואוסט אז דו האסט צוגעגרייט פאר צוויי אורחים, ביסט דאך צוגעוואוינט אז ביי אונז ביים טיש זיצן צוויי אורחים. אבער רעביצין טייערע, איך האב געהערט אז עס איז פארהאן א 'בעל שם' דא אין שטאט, און איך האב אים געוואלט רופן צו דער סעודה, צו דער מוצאי יום כיפור סעודה; איך וויל נאר פרעגן צי דו ביסט מסכים.״

האט די רעביצין געזאגט: ״א בעל שם? אוודאי, א בעל שם קען מען רופן.״ ר' דוד דייטש איז ארויסגעגאנגען און אריינגערופן דעם דריטן אורח פון גאס.

נאכן עסן, ווען אלע דריי אורחים זענען שוין אוועקגעגאנגען פון שטוב, געזאגט א גוטע וואך און א גוט יאר, זיך אנגעוואונטשן, באדאנקט און ארויסגעגאנגען, האט זיך די רעביצין אנגערופן צום הייליגן ר' דוד דייטש: ״איך פארשטיי נישט, איך האב

**דברות קודש מכ:ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א קרח כט סיון תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

גארנישט געזען אז דער איד זאל זיין אן אדם חשוב, און דו רופסט אים א 'בעל שם'?! איך האב גארנישט געזען אויף דעם מענטש אז ער זאל זיין מער ווי סתם א פשוט'ער, פראסטער מענטש. און נישט נאר דאס, איך האב געזען אז אויסער דעם וואס ער איז געווען פארזונקען אין דעם עסן, האט ער נאך גע'גנב'עט צוויי שטיקער ברויט און עס אריינגעלייגט אין זיין רוקזאק. ער איז א בעל שם?!"

האט דער הייליגער גאון רבי דוד דייטש געזאגט פאר זיין רעביצין: "יעדער גאסט איז א 'בעל שם'. פארוואס? ווייל ווען דו געסט פאר א גאסט א גיט שטיקל ברויט צו עסן, און דו געסט אים נאך א שיינע מטבע בעין יפה מיט א גוט אויג, מאכט דער אורח דערנאך א גוטן נאמען – א 'שם טוב' – פארן בעל הבית. און אין די משנה שטייט דאך: 'טוב שם משמן טוב'. אבער ווען אן אורח קומט און מען גיט אים נישט גוט צו עסן, און מען גיט אים נישט קיין שיינע נתינה, מאכט ער א שלעכטן שם פארן בעל הבית. קומט אויס אז יעדער אורח איז א 'בעל שם'. יעצט אז דו האסט אים געגעבן גוט צו עסן, און מיר האבן אים אויך געגעבן א שיינע מתנה פאר צדקה, וועט ער זיכער מאכן פאר אונז א גוטן שם און א גוטן נאמען, און עס שטייט דאך 'טוב שם משמן טוב'." הפלא ופלא וואס רבי דוד דייטש האט דא געזאגט!

**מזכה זיין אנדערע און מאכן א 'שם טוב'**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס מאכט זיך אמאל א מענטש טראכט: ער האט נישט ליב דעם איד, ער האט נישט ליב יענעם איד; ער קען זיך נישט דורכקומען מיט אים, דער איז אים מצער און יענער איז אים מצער. אין די משנה שטייט: "טוב שם משמן טוב", יעדער איד איז א "בעל שם". דורך דעם וואס דו וועסט זיין גוט מיט אידן, דו וועסט מחזק זיין אידן, דו וועסט מזכה זיין אידן, דו וועסט אויפהייבן און קאמפלימענטירן אנדערע אידן, דו וועסט ווייזן אהבה און חשיבות פאר אידן – וואס וועט זיין דער סוף? דו וועסט ווערן א "בעל שם". וואס מיינט דאס דו וועסט ווערן א בעל שם? נישט נאר דו אליין וועסט זיין א בעל שם, נאר וואס וועט ארויסקומען דערפון? דו וועסט מאכן אסאך אנדערע "בעלי שם'ס", ווייל זיי אלע גייען מאכן פאר דיר א גוטע נאמען.**

און מען קען זאגן אויף דעם א מורא'דיג ווארט: פארוואס האט ער גענוצט דעם אויסדרוק "בעל שם"? ווייל "טוב שם משמן טוב", דער אייבערשטער וויל אז אידישע קינדער זאלן מאכן א גוטע נאמען איינער פארן צווייטן. מיר האבן א התחייבות זיך אויפצופירן אויף א וועג אז מענטשן זאלן אויף אונז מאכן א גוטע נאמען, און פונקט אזוי האבן מיר א התחייבות צו מאכן א גוטע נאמען פאר א צווייטן איד. ווייל דער הייליגער באשעפער וויל מען זאל מלמד זכות זיין אויף אידן און מליץ יושר זיין אויף אידן; דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן מאכן "בעלי שם'ס".

**און אז מיר דא אויף דער וועלט זאלן אריינלייגן גרויסע כוחות אין די דריי חדשים זיך איבערצובעטן איינער מיט'ן צווייטן, מאכן שלום, מקיים זיין כיבוד אב ואם, און חס ושלום נישט זיין אפגעהאקט פון די עלטערן אדער מצער זיין די עלטערן; עלטערן זאלן נישט זיין אפגעהאקט פון די קינדער, און קיין איין איד זאל נישט זיין אפגעהאקט פונעם צווייטן, נאר עס זאל הערשן אהבה ואחוה ושלום ורעות ביי אלע אידן. אזוי וועט דער אייבערשטער העלפן און פארשרייבן א כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידן. די שנה טובה ומתוקה וועט זיך שוין אנגעהויבן, און מיר זאלן שוין זוכה זיין אין די דריי זומער חדשים הבאים עלינו לטובה צו זען רחמים וחסדים גלויים מבית ומבחוץ.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אלע מאכן א "שם טוב" פאר די תורה און פאר'ן בורא. לאמיר אלע זיין אידן מיט פנים מאירות, ערליכע אידן, און מאכן א קידוש השם לכבוד שמים. בעזרת השם ובסיעתא דשמיא זאל אונז דער אייבערשטער פירן אויף די ריכטיגע וועגן, אלע תפילות זאלן מתקבל ווערן ברחמים וברצון און מיר זאלן פועל'ן אלעס גוטס מיט א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.